# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Ofnbakh – Dem Kelner Khazns Zun / Offenbach – The Waiter Cantor’s Son

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/73z4v69b

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Cuba Fishbin, Kuba Fishbin /

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

קובאַ פּישבין / פּאַריז

# אָפּענבאַך — דעם קעלנער חזנס זון

איז געווען אַמאָל אַ חזן אין מדינת אַשכּנז — האָט ער געהאַט אַ זון. געראָטן איז דער זון געווען אין טאַטן; אָבער אַלע זיינע, טאַטנס, מעלות — האָט דער זון פאַרמאָגט בכפל כפּליים. ער האָט געהאַט דעם שאַרפן, דורכדרינגלעכן בליק פון זיין טאַטנס קלוגע, שוואַרצע אויגן, וואָס פלעגן דורכגרונטעווען אַ מענטש — ביזן מאַרך פון די ביינער. דעם זונס אויגן אָבער, האָבן געפייערט מיט עפּעס אַ באַזונדערע פּקחות. פונעם טאַטן האָט דער זון אויך געירשנט דעם כוח הנגינה; אין אים האָט אָבער דער כוח הנגינה אויפגעשטורעמט מיט אַ זעלטן־ספּאָנטאַנעם אימפּעט — כ'וואָלט זאָגן, אַז די אַקומולירטע אין אים, זיבט לאַנגע דורות, פאַרקלעמטע יידישע געזאַנגען, האָבן פּלוצים צעבראָכן אַלע דאַמבעס און אַרויס אין אַ ששון ושמחהדיקן טאַנץ. אַ ווולקאַן פון צעשויבערטע הייטערקייט — וועט דעם חזנס זון באַשאַפן. די צעזונגענע לאַווע וועט פאַרפליצן אַ וועלט; זי וועט פאַרווילן די מענשטהייט און אַריינפירן איר שעפער אין דער אייביקייט אַריין. אינעם פּאַנטעאָן פון די מוזיק גאונים, פאַרנעמט אָפּענבאַך, דעם קעלנער חזנס זון, אַ בכבודן פּלאַץ, אויף דער מזרח־וואַנט.

דאָס וווּנדערבאַרע לעבן פון אָפּענבאַכן איז זיך פאַרלאָפן ווי אַ מעשה שהיה, און דאָס, פון זיין וויגל אין די באַשיידענע, אָבער שמח בחלקהדיקע משפּחה פונעם אַמאָל וואַנדערנדיקן קלעזמער און היינטיקן חזן אין דער קעלנער קהילה קדושה — ביז צו זיין ריזיקער פאָלקס־לוויה, ווען אין די טויזנטער מענטשן פון אַלע שיכטן האָבן אים, אין אַ רעגנדיקן טאָג, באַגלייט צו זיין אייביקע רו — אויף אַ פאַריזער בית הקברות. דער אומגעהויערער דערפאָלג פון זיין שאַפונג האָט אים ביים לעבן פאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדע. מיטן שאַרפן בליק פון זיינע שקאָצישע אויגן, האָט אָפּענבאַך אַרומגענומען די געזעלשאַפט פון זיין צייט; ער האָט זי גוט באַטראַכט, די געזעלשאַפט פון יענער צייט, ער האָט זי פאַרשטאַנען און אויף איר באָדן האָט ער באַשאַפן ווערק — פאַרמאָגן זיי דעם ווערט פון אייביקן דויער. אויף דעם ווולקאַן פון דער אָפּענבאַכישער צעשויבערטער הייטערקייט פראַוועט אַן עולם, שיכור פון מאַכט און עשירות, אַ צעבאַלעוועטן שדים־טאַנץ. וואָס אַן אמת, קען מען די העלדן פון זיין מיטאָלאָגישן אָלימפּ און פון זיינע אויסגעטראַכטע מדינות — אַנטרעפן אין אַלע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען אַזוי אַרום באַקומט זיך, אַז זיינע טיפּן טראָגן דעם חותם פון אייביקער אַקטואַליטעט. אָבער, בשעת אָפּענבאַך פירט אַרויס זיינע געשטאַלטן אויף די מוזיקאַלישע טעאַטער־בינעס — זיינען זיי בלוט און פלייש פונעם בשעתו הערשנדיקן רעזשים אין פראַנקרייך.

זיין מוזיק איז נישט סתם אַן אָרגאַן פון פריילעכקייט, נייערט אַ ששון ושמחתדיקער קרומער שפּיגל, וואָס אַנטפּלעקט דעם פּרצוף פון אַן עפּאָכע. פון אָפּענבאַכס בופאָנער אָפּערעס הילכט אָפּ אַ חוזק־געלעכטער — אַ קאַסקאַדע פון חוזק איבער די וואָס שאָקלען מיט דער וועלט. די אָפּענבאַכיאַדע—זעט דער פראַנצויזישער שרייבער, אַרמאַן לאַנו, ווי „סאָציאַלע מוזיק פון דער צווייטער אימפּעריע; איר עכאָ גרייכט ווייט אַוועק אין דער אייביקייט אַריין.‟ אָפּענבאַכס סאַרקאַסטיש געלעכטער ווישט אָפּ די קאָסמעטיק וואָס פאַרפּוצט אַ געזעלשאַפט פון שקר און צביעות; פּלוצים דערשיינען ביי אים די שענסטע בעלי־בתים פונעם שטעטל אין זייער גאַנצער פּאַסקודנער נאַקעטקייט. צומאָרגנס, נאָך דער פּרעמיערע פון אָפּענבאַכס 'אָרפעאוס אין גיהנום", האָט דער ניכטערער קריטיקער, פראַנציסק סאַרסעי געשריבן: „ווען ס'צעווויגן זיך די געטער פונעם אָלימפּ און גיהינום, ווערט מען גלייך פון די ערשטע קלאַנגען דערשיטערט, ווי פון אַ שאַק. עפּעס קומט דאָ פאָר, ווי אונדזער גאַנצער יאָרהונדערט,

צוזאַמען מיט אַלע רעגירונגען, סאָציאַלע אינסטיטוציעס, געזעצן און זיטן — ווי אַלץ וואָלט דאָ זיך פאַרנומען אין אַן אוניווערסאַלן סאַראַבאַנדע־טאַנץ.״ הכלל — דער מלך איז נאַקעט!

אָפענבאַכס מוזיקאַלישער זשאַנער, די בופאָנע אָפּערע, וואָס איז אַן ענגע פאַר־פלעכטונג פונעם וואָרט מיט מוזיק, האָט טיפע פאָלקסטימלעכע וואָרצלען, וואָס אַלע האָבן זיי געטרונקען פונעם זעלבן קוואַל — פונעם פאָלקס־ספּעקטאַקל, וווּ דער דאָמינאַנטער טאָן איז פּאַראָדיע און סאָציי־אַלע סאַטירע. אין אָפענבאַכס קינסטלערי־שער יצירה הערט זיך אַן אָפּקלאַנג פון די ווייטע „נאַרן״ און לצים פון פאָלקס־טימלעכע קאַרנאַוואַל־פּיעסן, ווי אויך פון אונדזערע היימישע פּורים־שפּילן. שוין גאָרנישט צופעליק איז אָפענבאַך דער־גאַנגען צו דער בופאָנער אָפּערע, צו דעם פאָלקסטימלעכן מוזיקאַלישן זשאַנער. מיטן פאָלקסטימלעכן באַנעם האָט אָפענבאַך געאָטעמט, אַלס קינד אין זיין קעלנער יידישע און נישט־יידישע סביבה ווי אויך שפּעטער אַלס בר־מצוה בחור, אויפן ברוק פון דער פּאַריזער גאַס. אויסגעכאָוועט ביי די קוואַלן פונעם פאָלקסטימלעכן באַ־נעם — האָט אים געצויגן צו די זאַפטיקע פאַרעמס פונעם פאָלקסטימלעך־קינסטלע־רישן אויסדרוק.

צום סוף פון זיין לעבן פלעגט זיך אָפענ־באַך ווייצלען: „איך דערמאָן זיך, אַז אינעם טאָג פון מיין געבורט האָט מען מיך גלייך איינגעוויגט מיט ניגונים.״ איז מיט וואָס פאַראַ ניגונים, אַ שטייגער, האָט מען דאָס אָפענבאַכן איינגעוויגט אין דער שטאַרק באַשיידענער שטוב פון זיין טאַטן, דעם קעלנער חזן און דעם געוועזענעם וואַנ־דערדיקן קלעזמער? אַוודאי מיט די שיריים פונעם פאָלקסטימלעכן פּורים־שפּיל, וואָס נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק איז ער געווען די באַליבטסטע פאַרוויילונג ביי יידן אין די דייטשע געטאָס. אַז זיין טאַטנס אַלע גוזאַנגען האָבן משפיע געווען אויף אָפענבאַכס שאַפונג — דאָס האָט שוין באַוויזן אין 1930 דער דייטשער פאָרשער אַנטאָן הענסלער.

צוזאַמען מיט מענדעלסאָנען און מייער־בערן געהערט אָפענבאַך צו די יידישע ראשונים וואָס האָבן אַ בליץ געטאָן אין דער מוזיק־געשיכטע פון די מאָדערנע צייטן. אָבער, ווי קינדער פון רייכע פּאַט־ריציאַנער יידישע משפחות, האָבן זיך מענדעלסאָן און מייערבער געכאָוועט אין סאַלאָנען — ווייט פון פאָלקסטימלעכע השפעות, מכל שכן פון יידישן פאָלקלאָר; זיי האָבן באַקומען אַ סאָלידע, אַלגעמיינע און מוזיקאַלישע אויסבילדונג ביי גרויסע, אָנערקענטע פּראָפעסאָרן. זיי האָבן זיך אויך דערצויגן אין שאָטן פון די בעסערע דייטשע קולטור. דרך־אגב, איז מענדעל־סאָן אַן אייניקל פונעם בעל־השכלה, ר׳ משה מענדעלסאָן; אָפּגעשמדט געוואָרן אַלס קליין קינד און זיין גאַנצן לעבן גע־ווען אַ פרומער פּראָטעסטאַנט. הכלל, די צוויי דערמאָנטע מוזיק־שעפער זענען אַריין אין דער אייראָפּעישער מוזיק מיט מוזיקאַלישע פאָרמען — אייגן דער סאָ־ציאַלער עליטע.

אָפענבאַך, דאַקעגן — אַ קינד פון דער יידישער פאָלקס־געדיכטעניש אין דייטש־לאַנד, אַן אייניקל פון אַ וואַנדערנדיקן קלעזמער, פּונקט ווי זיין טאַטע איז דאָס געווען אין די יונגע יאָרן; אַ זון פון אַ יונגן חזן, וואָס קינדווייז פלעגט ער שפּילן אין זיין טאַטנס קאַפּעליעס, אַ צושטייער צו דער קנאַפּער חזנישער פּרנסה — אים האָבן די ירושה־כוחות פון נגינה פאַר־טראָגן צו אַ נייעם מוזיקאַלישן, פאָלקס־טימלעכן זשאַנער. און וואָלט די געטאָ, די באַזונדערע יידישע סביבה, זיך אַנט־וויקלט נאָרמאַל, ווי ביי לייטן; וואָלט די געטאָ בימי אָפענבאַך דערגאַנגען צו אַ מאָדערנע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט מיט אַן אָריגינעלע יידישע קולטור און נישט צעפּרעסן געוואָרן דורך אַסימילאַציע — וואָלט דעם קעלנער חזנס זון, לויט אַלע סימנים, געוואָרן דער שעפער פון אַן אָרי־גינעלע יידישע אָפּערע, פּונקט ווי גלינקאַ איז געוואָרן דער שעפער פון דער רוסי־שער אָפּערע, סמעטאַנאַ, פון דער טשעכי־שער און מאָניושקאָ — פון דער פּוילישער אָפּערע. דער פּרימיטיוו פונעם יידישן דראַמאַטישן אויסדרוק, דער פּורים־שפּיל, וואָס איז אַ פאַרפלעכטונג פון וואָרט און מוזיק, וואָלט אַ דאַנק אָפענבאַכס גאונות

(המשך אויף זייט 51)

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# אַ הסתּדרות אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט

פון דער

## ישׂראל הסתדרות־פונדאַציע

אינקאָרפּאָריי טעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה פון 9½%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט״־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געווינס״־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישׂראל?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 9.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט - פונדאַציע.

שנײַדט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................................................

Address..............................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..............................................................

Date..........................Signature of Applicant..............................

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# ארבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין
אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-
קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די
ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1619 So. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007

(המשך פון זייט 48)
דערהויבן געוואָרן צו אַ העכערע קינסטלערישע פאָרם און דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַן אָריגינעלע יידישע אָפּערע־בוף.

אָפּענבאַך איז אָבער נישט געוואָרן דער שעפער פון דער יידישער אָפּערע; דערצו האָט געפעלט די א.ג. יידישע סטראַטעגישע באַזע: דער סך־הכל פון עלעמענטן פאַר אַ נויטווענדיקן נאַציאָנאַלן יש. דערפאַר איז ער געוואָרן, אונטער ניי־געשאַפענע באַדינגונגען אין פראַנקרייך, אין אַ צייט פון ציוויליזאַציע־וועקסל — דער שעפער פון אַ מוזיקאַלישע קינסטלערישע פאָרם, וואָס אַנטשפּרעכט דעם געברויך פון אַ נייע מאַסע קולטור־קאָנסומענטן.

אָפּענבאַכס גאונות איז געווען אין לשער, אַ בפירושער נאַטור־כוח. ער האָט מרעיש עולם געווען מיט זיין אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון מעלאָדיע, מיט דער עלעגאַנץ פון זיין מוזיקאַלישער פראַזע, מיט דער ערלעכקייט פון געפיל, מיט זיין הייטערקייט און הומאָר. צוליב די אַלע מעלות טובות האָבן אים וואַגנער און ראָסיני געקרוינט מיטן נאָמען: „מאָצאַרט פון שאַנס עליזעי". (שאַנס עליזעי איז געווען דער פּלאַץ פון אָפּענבאַכס ערשטן טעאַטער אין פּאַריז). ווי דער שטייגער איז, זענען אייביק פאַראַן נישט פאַרגינערס און שונאים; אויך אָפּענבאַך איז פון דעם נישט פּטור געווען. קודם כל זענען דאָס געווען די כהנים פון לאַנגוויל, וואָס האָבן געקריצט מיט די ציין פאַר קנאה; די בעלי־מקנאניקעס האָבן אָפּענבאַכן נעבעך שטאַרק „באַדויערט" — פאַרטאַכלעווען אַזוי פיל טאַלאַנט אויף נאַרישע „האָפּקעס".

למען האמת לאָמיר זאָגן: אויך צו די יידיש־רעדנדיקע קרייזן האָט אָפּענבאַך קיין מזל נישט געהאַט. עפּעס האָט אים אונדזער היימישער עולם שלעכט צעקייט; און אפשר האָט זיך דער אָפּענבאַכישער הומאָר נישט געפּאַסט צו דער עמפּינדלעכקייט פונעם מזרח־איראָפּעישן ייד. קיפּניס, וואָס איז געווען אַ גוטער מבין אויף אָפּענבאַכס מוזיק, שרייבט אין זיינס אַ מאָנאָגראַפיע, דערשינען אין פוילן מיט אַ זעכציק יאָר צוריק, אַז אָפּענבאַכס שאַפונג איז „פרייע אויסגעלאַסענע מוזיק". מיט דער דאָזיקער מאָדנער דעפיניציע פון קיפּניסן וואָלט דער בראַצלאַווער אַוודאי נישט מסכים געווען. דער בראַצלאַווער האָט געהאַלטן, אַז „אַלע ניגונים שטאַמען פון דעם מקור הקדושה און היכל הנגינה. די טומאה קען נישט קיין געזאַנג, ווייל זי קען נישט קיין פריידע. די טומאה איז דער מקור פון יעדע מרה שחורה."

אַ מייל פון קיפּניסעס השערות איז אויך דער פראַנצויזישער שרייבער, מאַרסעל אַשאַר: „די פריוואָליטעט פון אָפּענבאַכס מוזיק — זאָגט דער פראַנצויז — לאַנגווייליקט נישט, ווייל אירע קוואַלן זענען ריין פון יעדן פריוואָלן געדאַנק... זיין מוזיק פאַרמאָגט דווקא דעם כוח פון אַ גרויסן סטיל." נאָך ווייטער גייט מאַקס נאָרדוי — ער באַטראַכט אָפּענבאַכן פאַר איינעם פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן פון זיין עפּאָכע." נאָרדוי איז איבערצייגט, אַז „אוממעגלעך וועט זיין צו שרייבן די געשיכטע פונעם 19טן י"ה בלי זיך צו פאַררופן אויף אָפּענבאַכן און אויף זיין דערפאָלג.

אָפּענבאַכס דערפאָלג איז טאַקע געווען אומגעהויער גרויס, אָבער די שקיעה פון זיין לעבן איז געווען פאַרצויגן מיט פינצטערע כמאַרעס. די שווערע קסענאָפאָבישע אַטמאָספערע אין די צייטן נאָך דער פּאַריזער קאָמונע האָט אָפּענבאַך פיינלעך אָפּגעפילט אויף זיין אייגענער הויט; זי האָט געדריקט זיין געמיט. על פי נס איז ער ניצול געוואָרן פון אַ סאָרט דרייפוס־פּראָצעס. דער דאָזיקער מאָראַליש שווערער קלימאַט בסוף פון זיין לעבן הילכט אָפּ אין זיין יצירה מיט בולטע מינאָר־טענער. דערויף זאָגט עדות זיין שוואַנען־געזאַנג: „האָפמאַנס געשיכטעס" — אַן אָפּערע ווערק מיט קהלת שטימונגען.

דער דאָמינאַנטער אַקאָרד פון דער אָפּענבאַכיאַדע איז אָבער ווייט נישט אין דער מינאָר־טאָנאַציע. אויף אָפּענבאַכס קבר, וואָס געפינט זיך אויפן מאָנמאַרטער בית־הקברות אין פּאַריז, איז פאַראַן אַ בראָנזענער ביוסט פונעם קאָמפּאָזיטאָר. איבעם שאַרפן, אימפּערטינענטן בליק פונעם בראָנזענעם אָפּענבאַך איז פאַראַן
(סוף אויף זייט 78)